אַבֿרהם בן עטל/ייִדישער טעאָלאָגישער סעמינאַר, נ״י

# שחורה אני ונאוה

לכּבֿוד ר׳ אליעזר וויִזעל

## פּראָלאָג: נאָכאוישוויצער דיאַלאָג:

— איך ווייס גאַנץ גוט אַז ס׳איז נישט פֿאַראַן קיין גאָט; איך האָב אים אָבער ליב אָנצוקוקן ווען ער שמייכלט.

— איך ווייס אַז ס׳איז יאָ פֿאַראַן אַ גאָט, און איך האָב געפֿערלעך מורא אים אָנצוקוקן אַז ער שמייכלט.

און ס׳טרעפֿט זיך אַ מאָל אַז דער גילוי פֿון דער שכינה געפֿינט זיך נישט אין די ריינע העלע ליכטשטראַלן פֿונעם זון־אונטערגאַנג, און ניט אין דער טיפֿקייט פֿון דבֿרי תּורה אינעם בית־מדרש; נאָר אויף גאָר אַן אַנדער אופֿן קומט זי אונדז אָן. פֿאַראַן צײַטן אין וועלכע די שכינה קומט אָן צו אַ מענטשן אין דער פֿאָרעם פֿון אַ קליינער אַראַבישער זונה, אינעם לבֿוש פֿון אַ גאָר רייצנדער גאַסנפּרוי, און זי פּרווט כאַפּן אויף אייביק די נשמה פֿון איר ליבהאָבער.

„שחורה אני ונאוה״ זאָגט די קליינע פֿאַרפֿירערין; „שוואַרץ בין איך יאָ, אָבער דו מוזסט דאָך מסכּים זײַן אַז איך בין גאָר, גאָר שיין. אמת, שוואַרץ בין איך מיט עבֿרות. דו זעסט וואָס איך בין: אַ פּרוי פֿון די גאַסן. אמת, מיט מיר זײַנען געליגן דײַטשע אָפֿיצירן מיט ייִדישע מוסרים צוזאַמען. איך קום נישט אָן צו דיר, מענטש, אין דעם בילד פֿון אַ שבת־המלכּה. אויף דעם דאַרף מען נאָך תּמימות; מיר האָבן שוין צו פֿיל דורכגעלעבט, און מיר זײַנען שוין — בײדע — פֿאַראומווערדיקט. אָבער שיינקייט, שיינקייט און פֿײַער ווי אין יענע יאָרן געהערן אונדז נאָך...״

און אויב זי איז מצליח אין דער דאָזיקער שעה, די זונה, וואָס איר נאָמען איז מלכּות, און דער מענטש דערנענטערט זיך צו איר, איז גרייט צו פֿאַרגעסן וואָס זי איז, און וואָס זי האָט אָפּגעטאָן אויף דער וועלט, נאָר פֿאַרטיפֿט זיך און פֿאַרלירט זיך אין דער אומריינער וואַרעמקייט פֿון אירע אָרעמס — אין יענער רגע ווערט ער אויף אייביק אויס מענטש. פֿאַרלוירן האָט ער דעם כּוח פֿון קעגנשטעל, פֿון שרײַען, פֿון אויפֿשטיין ווי אַ צלם־אלקים און זאָגן: „ניין, רבונו־של־עולם! נישט דאָס! דאָ האָסטו נישט רעכט!״

אָבער טאָמער טוט ער אין דער דאָזיקער מינוט פֿאַרקערט, און לייקנט די שיינקייט פֿון דער געטלעכער זונה וואָס וויל אים אַזוי באַרויבן, און זאָגט: „אל אשה בנידת טומאתה לא תקרבֿ — איך קאָן גאָרנישט האָבן צו טאָן מיט דיר און דײַן שמוץ״ — טאָמער האָט ער אַזאַ כּוח, דעמאָלט ווערט ער אויף אייביק אַ שטיין, וועט ער קיין מאָל שוין נישט פֿילן, קיין מאָל נישט ליבן, קיין זאַך נישט דערקענען אין האַרצן — נאָר שינאה.

וואָס זאָל אַ מענטש טאָן? אונדזערע חכמים האָבן שוין איין מאָל באַמערקט: פֿאַראַן אין די הימלען אַ שמאָלער וועג, וואָס שלענגלט זיך צווישן פֿעלדער פֿון שניי און פֿעלדער פֿון פֿײַער. אויב דער מענטש גייט אויף דער רעכטער זײַט, ווערט ער פֿאַרברענט; אויב לינקס, ווערט ער פֿאַרגליווערט. ווי זאָל אַ ייִד זיך נוהג זײַן? גיין נאָר אין מיטן. ער זאָל קיין מורא נישט האָבן פֿאַר דער שיינקייט פֿון דער געמלעכער גאַסנפּרוי. ער זאָל יאָ זיך צו איר דערנענטערן; ער זאָל זי יאָ נעמען צו זיך. נאָך בשעת־מעשה מוז ער זי אָנקוקן מיטן שאַרפֿסטן בליק פֿון די מענטשלעכע אויגן זײַנע און זאָגן: „יאָ, איך ווייס וואָס דו ביסט. און איך האָב דאָס טאַקע גאָר פֿײַנט. און מיט לבֿ ונפֿש וועל איך דאָס אַ מאָל באַקעמפֿן. נאָר הײַנט מוז איך דיך צונעמען צו זיך. איך מוז, איך מוז, ווײַל הײַנט ביסטו נעבעך, נעבעך, דו ביסט דאָך די שכינה...״

אַזוי איז בײַ אונדז אהבֿת־השם אין די נאָכאוישוויצער יאָרן.

אָבער דו, רבונו־של־עולם, אַ מאָל מוזסטו מיר זאָגן ווי אַזוי דו אַליין ביסט זיך נוהג — אין די דאָזיקע יאָרן.

„אַבֿרהם בן עטל״ האָט זיך געלערנט ייִדיש בײַ ד״ר מ. אַסטור אין בראַנדײַס־אוניווערסיטעט. חוץ וואָס ער שטודירט אין טעאָלאָגישן סעמינאַר, ווו ער דאַרף איבער אַ יאָר קריגן סמיכה, וועט אונדזערע לייענערס אינטערעסירן צו וויסן, אַז „אַבֿרהם בן עטל״ פֿירט אויך אָן אַ ייִדיש־קלאַס אין דער ענגלווודער העברעישער מיטלשול (ניו־דזשוירזי), אַ קלאַס וואָס ער איז צו שטאַנד געקומען אַ דאַנק אַבֿרהם בן עטלס איניציאַטיוו. רעד׳.

דאָס אחריות פֿאַר די מיינונגען, געדאַנקען, געפֿילן, וואָס זיי ווערן אַרויסגעזאָגט אויף די שפּאַלטן פֿון יוגנטרוף, טראָגן די מחברים אַליין.

## אַ בקשה

מאַנוסקריפּטן, וואָס מע שיקט אונדז צו, דאַרפֿן זײַן טיפּירט (אָדער געשריבן) נאָר אויף איין זײַט פֿונעם בויגן פּאַפּיר און אַ שורה איבער אַ שורה.

נאָך אַ בקשה: זעט, אַז די מאַנוסקריפּטן זאָלן זײַן ליינעוודיקע און — ניט מיט צו פֿיל גרײַזן. אויב איר זענט ניט זיכער מיט אײַער לשון, ווײַזט עס אײַער ייִדיש־לערער אָדער אַן אַנדער גוטן ייִדיש־קענער.

אַ דאַנק!

— רעד׳

# יוגנטרוף



אַלוועלטלעכער ייִדישער יוגנט־זשורנאַל

DECEMBER — 19 7 66 — דעצעמבער